**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/29/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט האריקעין ׳איידע׳ ערהוילונג אקציע פלאן ארויסצוהעלפן ניו יארקער באטראפן דורך טויטליכע שטורעם**

***קומט איין יאר נאך האריקעין ׳איידע׳ האט זיך אנגעשטויסן אין ניו יארק***

***פובליק קאמענטארן צייט אפשניט איצט אפן פאר ערהוילונג גרענטס צו פארשטערקערן ווידערשטאנד-פעאיגקייט***

***היערינגס געהאלטן צו ווערן אום סעפטעמבער 8 און סעפטעמבער 13***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס ארויסגעבן דעם פארגעשלאגענעם אקציע פלאן דורך דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג זיך צו ערהוילן פון האריקעין ׳איידע׳, וואס האט געטראפן איין יאר צוריק, און אויף צו פארשטערקערן די ווידערשטאנד-פעאיגקייט פון קאמיוניטיס אין צוקונפטיגע שטורעם פאסירונגען. דער פארגעשלאגענער פלאן רעכנט אריין 41.2 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן אונטערנעמונגען וועלכע וועלן העלפן איינוואוינער זיך צופאסן צו די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג און גלייכצייטיג שטעלן אלס הויפט ציל היסטאריש אונטערסערווירטע קאמיוניטיס.

״אזוי ווי ניו יארקער זעצן פאר ווייטער זיך צו ערטער פון די נאכוויייענישן פון האריקעין ׳איידע׳, בלייבן מיר פולקאם אנטשלאסן איבערצובויען אונזער אינפראסטרוקטור, איבערהויפט אין אונזערע מערסט עמפינדליכע קאמיוניטיס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אונזער אקציע פלאן וועט פריאריטיזירן פינאנצירונג פאר האָוזינג, ביזנעסער, און אנדערע הויפט פראגראמען אין די מערסט באטראפענע און אנגעשטרענגטע ערטער — העלפן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער ווערן געהויבן בשעת מיר ערהוילן זיך. אזוי ווי מיר באהאנדלען די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג, וועלן מיר טון אלץ וואס מעגליך צו העלפן ניו יארקער און זייערע קאמיוניטיס זיך צו ערהוילן נאך עקסטרעמע וועטער אומשטענדן.״

דער גאווערנער האט אויך געמאלדן אז דער סטעיט וועט זאמלען פובליק מיינונגען אויף פארשידענע ערליי פארגעשלאגענע פראגראמען וואס וועט פארערעכטן ׳איידע׳-פארבינדענע שאדנס צו פריוואטע וואוינונגען, פארבעסערן ווידערשטאנד-פעאיגקייט צו רעדוצירן ריזיקע פון צוקונפטיגע פלייצונג שאדנס, און צו פאקוסירן אויף ערהוילונג אין נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע קאמיוניטיס. ניו יארקער ווערן פארבעטן צוצושטעלן צוריקזאג אויף דעם פלאן [דא](#) ביז סעפטעמבער 28, דורך אנטיילנעמען פערזענליך אין דעם פובליק היערינג אום סעפטעמבער 8, 6:30 אוונט, ביי ניו ראשעל סיטי האָל, אדער די ווירטועלע היערינג אום סעפטעמבער 13, 6:30 אוונט ([דרוקט דא פאר ווירטועלע היערינג אינפארמאציע](#)).

אום סעפטעמבער 1, 2021, האט האריקעין ׳איידע׳ אנגעפלייצט הייזער און שאסייען, אנגעברענגט 7.5 ביליאן דאלער אין שאדנס און אומברענגענדיג [17 ניו יארקער](#). FEMA האט אידענטיפיצירט פלייצונג צו 11,000 וואוינונגען. פריער דעם פרילינג, האט ״יונייטעד סטעיטס דעפּארטמענט פון האָוזינג און אינער-

שטאַטישע דעוועלאָפּמענט׳ (HUD) אויסגעמאָלדן אַן באַשטימונג פון 3 ביליאָן דאָלער אין CDBG-DR געלטער צו העלפן קאָמיוניטיס זיך יושר׳דיג ערהוילן פון דיזעסטערס, אריינגערעכנט האַריקעין ׳איידע׳, און בויען ווידערשטאַנד-פעאיגקייט צו קלימאַט ענדערונג. GOSR איז באַשטימט געוואָרן 41.2 מיליאָן דאָלער צו שטיצן די היינטיגע פאָרגעשלאָגענע פּראָגראַמען.

נאָכפאָלגנדיג די פּובליק קאָמענטאַרן צייט אָפּשניט וואָס איז אָפן פון איצט ביז נאָך סעפטעמבער 28, וועט GOSR מעגליך אָפּדעיט׳ען דעם אַקציע פּלאַן לויט צוריקזאָג פון די קאָמענטאַרן און היערינגס. אָפּדעיטס וועלן זיין צו באַקומען דאָ. אינפאָרמירט דורך GOSR׳ס גרעס-רוּטס, אָרטיג-געטריבענעם פּראָצעס וואָס איז געניצט געוואָרן צו פּלאַנירן פּראָיעקטן נאָך סופּערסטאָרם ׳סענדי׳, וועט דער אַגענטור דאַן אַרבעטן מיט אָרטיגע קאָמיוניטיס, ערוועלטע באַאַמטע, און פּראָאינטערעסירטע פּאַרטייען צו פאָרמאַל אַוועקשטעלן פּראָיעקט פּלענער און איינפירן קאָנסטרוקציע.

**גאָווערנער׳ס אָפיס פון שטורעם ערהוילונג עקזעקיוטיוו דירעקטאָר קעיטי ברענען האָט געזאָגט,**
״האַריקעין ׳איידע׳ איז געווען אַ שטאַרקע דערמאָנונג אַז דער נעקסטער וועטער עמערדזשענסי איז נישט קיין פראַגע פון אויב נאָר פון ווען. אונזער אַקציע פּלאַן וועט העלפן ניו יאָרקער זיך איבערבויען און נעמען מאָסנאַמען זיך צו האַלטן אָפּגעהיטן אין דעם צוקונפט.״

די פאָרגעשלאָגענע אַקציע פּלאַן שפּיגלט אָפּ חדשים אַרויסגרייך-באַמיאונגען צו אָרטיגע באַאַמטע, קאָמיוניטי פירער, נאָנפּראָפיט אָרגאַניזאַציעס, פּובליק האָוזינג באַאַמטע, און אַנדערע רעגירונג אַגענטורן. GOSR האָט באַשטימט אַז האָוזינג ערהוילונג פאָרטרעט דער גרעסטער אומערפילטער געברויך אין די קאָמיוניטיס באַטראָפן דורך ׳איידע׳. די אַגענטור האָט דאַן צוגעגרייט אַ ריזיקע-אָפּשאַצונג צו אידענטיפיצירן די גרעסטע לינדערונג געברויכן אין דעם דיזעסטער געגנט. וואַסער און פלייצונג אינצידענטן זענען געפונען געוואָרן פאַרצושטעלן די מערסט באַדייטנדע ריזיקע און דעריבער וועט רעדוצירן פלייצונג אימפּאַקטן האָבן די גרעסטעווירקונג אויף זיכערהייט און ווידערשטאַנד פעאיגקייט.

די אַגענטור האָט געניצט דעם סאָציעלע עמפּינדליכקייט אינדעקס צו מעסטן עמפּינדליכקייט צו די עפעקטן פון קלימאַט ענדערונג און נאַטורליכע דיזעסטערס. די דאָזיגע אויספאָרשונג האָט געוויזן אַז די קאָמיוניטיס וועלכע האָבן געליטן די מערסטע שאָדנס זענען די וועלכע זענען וויינגסטע פעאיג צו אָפּאָרדירן זיך צו ערהוילן און זענען היסטאָריש געווען אונטערפּריאָריטיזירט במשך פון דיזעסטער ערהוילונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי צ.ב.ש. מענטשן מיט באַגרעניצטע ענגליש-רעדן פעאיגקייטן און נידעריג צי מיטלמעסיג-פאַרדינענדע איינוואוינער.

אַלס רעזולטאַט, וועט GOSR מאַכן גרענט פינאַנצירונג צו באַקומען צו פאַרשידענע ערליי לאַנג-טערמיניגע ערהוילונג און ווידערשטאַנד-פעאיגקייט פּראָגראַמען וואָס צילן דינגער, היים אייגנטימער, און באַזיצער און אָפּערירער פון צוגענגליכע האָוזינג מיט אַ פאָקוס אויף נידעריג צי מיטלמעסיג-פאַרדינענדע איינוואוינער. פּראָגראַמען וועלן זיין אָפן צו קאַונטיס אויסער ניו יאָרק סיטי מיט אַ פּרעזידענציעלע דיזעסטער דעקלעראַציע פאַר איינציגוויייזע הילף, אריינגערעכנט דוטשעס, נעסאַוי, אָראַנדזש, ראָקלענד, סופאָלק און וועסטשעסטער קאַונטיס. ניו יאָרק סיטי האָט ערהאַלטן איר באַשטימטע טייל פון קאָמיוניטי דעוועלאָפּמענט בלאָק גרענט דיזעסטער ערהוילונג פינאַנצירונג פון HUD.

פאָרגעשלאָגענע גרענט פּראָגראַמען רעכענען אַריין:

**<u>דינגער ווידערשטאַנד-פעאיגע האָוזינג</u>**
דער פּראָגראַם וועט מוטיגן דינגער זיך אַריבערצוציען פון שטורעם-געשעדיגטע הייזער און גלייכצייטיג בלייבן אין זייער עקזיסטירנדע קאָמיוניטיס דורך צושטעלן פינאַנציעלע שטיצע פאַר דינגערס אויף צו

פארזיכערן נייע זיכערע און סטאבילע האָוזינג. עס וועט אויך פארזארגן הילף צו פארבעסערן וואוינונג ווידערשטאנד פעאיגקייטן צו לינדערן צוקונפטיגע פלייצונג ריזיקע.

**<u>האָוזינג ערהוילונג און צוריקצאל</u>**
דער דאזיגער פראגראם וועט אינוועסטירן אין שטורעם שאדן פארריכטונגען צו פריוואטע וואוינונגען און / אדער צוריקצאל פאר פארטיגע פארריכטונגען. עס וועט אויך איינפירן ווידערשטאנד-פעאיגקייט מאסנאמען אריינגערעכנט העכערן מעכאנישע, עלעקטרישע און פלאמבינג לינדערונג, פלייצונג אויסגאנגען, און צוריקפליס ווענטלעך.

**<u>צוגענגליכע האוזינג ווידערשטאנד-פעאיגקייט</u>**
דער פראגראם וועט אינוועסטירן אין פלייצונג לינדערונג מאסנאמען און ווידערשטאנד-פעאיגקייט פארבעסערונג אין מולטי-פאמיליע פובליק און צוגענגליכע האָוזינג קאמפלעקסן ווי אויך פארברייטערן צוגענגליכע האָוזינג ווען אויספירליך. פראיעקטן וועלן אריינגעמען פלייצונג-ווידערשטאנד געביידעס, עמערדזשענסי דזשענערעיטערס, וואסער איינהאלטונג סיסטעמען און אפלויף פארבעסערונגען.

**<u>ווידערשטאנד-פעאיגקייט אינוועסטירונגען</u>**
דער פראגראם וועט אינוועסטירן אין ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו בעסער אויסניצן נאך פינאנצירונג געלעגנהייטן פאר לינדערונג און אינפראסטרוקטור ווידערשטאנד-פעאיגקייט פארבעסערונגען. עס וועט אויך שטיצן דאס שאפן עמערדזשענסי פלענער און שטודיעס צו העלפן קאמיוניטיס זיין בעסער אויסגעשטאט זיך קעגנצושטעלן צוקונפטיגע פאסירונגען.

**סענאטאר טשארלס אי. שומער האט געזאגט,** ״האריקעין ׳איידע׳ האט געברענגט חורבנות צו קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק, גורם געווען מיליאנען אין שאדן צו ראודס, ביזנעסער, און הונדערטער וואוינונגען. איך האב געקעמפט ציין און נעגל צו ליפערן מיליאנען אין פעדעראלע פינאנצירונג צו פארזארגן פאמיליעס און קאמיוניטיס פון ניו יארק סיטי און דער הודסאן וואלי די שטיצע וואס זיי דארפן האבן אויף זיך צו ערהוילן און זיך איבערבויען נאך שטערקער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר׳ן שטעלן די דאלארען צו די ארבעט צו העלפן מאכן אונזערע קאמיוניטיס מער ווידערשטאנד-פעאיג און ברענגען מענטשן צום וועג פון ערהוילונג.״

**קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס האט געזאגט,** ״האריקעין ׳איידע׳ און פארגאנגענע קאטאסטראפישע שטורעמעס וועלכע האבן אנגעמאכט חורבנות אין מיין דיסטריקט און לענגאויס ניו יארק סטעיט האבן קלאר געמאכט די געפערליכע אימפאקט פון דעם קלימאט קריזיס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר באשטימען פעדעראלע פינאנצירונג צו העלפן קאמיוניטיס זיך איבערבויען און ערהוילן פון האריקעין ׳איידע׳. עס איז קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער אינוועסטירן אין שטורעם ווידערשטאנד-פעאיגקייט באמיאונגען און איינפירן שטערקערע ענווייראנמענטאלע פאָליסיס וואס וועלן לינדערן די עפעקטן פון עקסטרעמע וועטער פאסירונגען.״

**קאנגרעסמאן שאן פעטריק מעלאני האט געזאגט,** ״האריקעין ׳איידע׳ האט דערלאנגט א שוידערליכע קלאפ צו הודסאן וואלי, און געשעדיגט איבער 11,000 וואוין-ערטער אין אונזער ראיאן. אינ׳ם פארלאפענעם יאר האב איך געארבעט צו פארזיכערן נאך פינאנצירונג און שטיצע פאר׳ן זיך איבערבויען, און איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר אויסניצן די פעדעראלע הילפס-מיטלען וואס איך האב געשטימט צו פארזארגן אויף צו איבערבויען און זיך ערהוילן. אזוי ווי שטורעמעס פון דער סארט ווערן מער אפט אלס רעזולטאט פון קלימאט ענדערונג, בויענדיג ווידערשטאנד-פעאיגע קאמיוניטיס וועלכע וועלן נאך זיין וויכטיגער.״

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער האט געזאגט,** ״קלימאט ענדערונג איז ווירקליך און אין וועסטשעסטער קאונטי איז עס אצינד שוין איצט דא. איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האוקול פאר איר פירערשאפט אין העלפן ניו יארק זיך ערהוילן פון הוריקעין ׳איידע׳ און פאר נעמען שריטן צו פארבעסערן אינפראסטרוקטור, איבערהויפט דאס פריאריטיזירן היסטאריש אונטערסערווירטע קאמיוניטיס און פאקוסירנדיג אויף דינגער ווי אויך אויף היים אייגנטימער. דא אין וועסטשעסטער קאונטי ווייסן אונזערע איינוואוינער צו גוט די פיינליכע און שעדליכע ווירקונג פון שטורעמעס, און דערפאר איז העכסט נייטיג פאר אונז צו פארבעסערן ווידערשטאנד-פעאיגקייט צו רעדוצירן צוקונפטיגע ריזיקעס.״

**איבער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג**
GOSR, אוועקגעשטעלט אין יוני 2013, קאארדינירט גאנץ-סטעיט׳יגע ערהוילונג אונטערנעמונגען פאר סופערסטארם ׳סענדי׳, הוריקעין ׳איירין׳, און טראפישע שטורעם ׳לי׳. GOSR טוט אויך אין לעצטערע צייטן קאארדינירן ערהוילונג און ווידערשטאנד פעאיגקייטן פאר הוריקעין ׳איידע׳.

דורך האָוזינג ערהוילונג, קלענערע ביזנעס, קאמיוניטי איבערבויען, אינפראסטרוקטור, נאטורליכע דיזעסטער ווידערשטאנד-פעאיגקייט, און איבערבויען דורך פלאנירונג פראגראמען, טוט GOSR אינוועסטירן 4.5 ביליאן דאלער אין פעדעראלע קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאק גרענט-דיזעסטער ערהוילונג פינאנצירונג צו בעסער צוגרייטן ניו יארק פאר עקסטרעמע וועטער פאסירונגען. GOSR ניצט אויך אויס קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאָק גרענט-קאראנעווייירוס (CDBG-CV) געלטער אויף איינצופירן ווידערשטאנד-פעאיגקייט אונטערנעמונגען ווי מאונט ווערנאן געזונטע שטובער פרוואו פראגראם צו פארריכטן הייזער באטראפן דורך דער שטאט׳ס סוער קריזיס. מער אינפארמאציע איבער GOSR און אירע פראגראמען אז צו באקומען ביי http://stormrecovery.ny.gov/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418